מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

# פֿון דער סלוזשבע*

## אַן אמתע מעשׂה

מאירל שמעונס, — אַזוי האָט מען אים גערופֿן, אויף דער אמתן וואָלט ער געמעגט הייסן גלאַט מאיר, נישט פֿאַרצויגן, און דאָס וואָלט אַ סך בעסער געפּאַסט צו זײַן פנים — מאירל איז לחלוטין נישט געווען אַן אויסגעדעווערט יונגערמאַנטשיק מיט אַ שמאָל גופֿל און זעקס מאָל אײַנגעבויגן, ווי דער שטייגער פֿלעגט זײַן פֿון אַ יידיש ייִנגל. פֿאַרקערט, ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן גוף און אַ פּאָר פּלייצעס מיט פֿיס און הענט, וואָס האָבן בעסער געפּאַסט פֿאַר אַ מילנער, ווי פֿאַר אַ לערנער. מילא, אַ פּראָסטאַקס אַ זון קאָן אַזוי זײַן, אָבער ווי קומט עס פֿאַר אַ באַלעבאַטיש קינד אַזוי אויסצוזען? זײַן פֿאָטער און מוטער האָט דאָס גענוג געקרענקט, ווי זאָגט מען, עפּעס אַ שטראָף פֿון גאָט, דאַרפֿן זיי צו האָבן אַזאַ זון, וואָס מוז זײַן געזונט פֿאַר צוויי גויים. ווי אַזוינס האָט זיך געקאָנט צו זיי נעמען? ס'איז נאָך געווען אַ נס, אַז מאירל האָט געקענט אַ ביסל לערנען און כאָטש אינעווייניק געווען עפּעס אַ לײַט... די מוטער האָט אַפֿילו געטראַכט אים אָפּצוגעוויינען דאָס פֿילע עסן... דאָס וואָלט אָבער בײַ מאירן גאָר קיין פּעולה נישט געהאַט. אַזאַ מין גוף לייגט מען נישט אָפּ פֿון זיך, ווי מען לייגט אָפּ אַ פּאָר שטיוול. אויף צו להכעיס האָט מאירל דאָס פֿאַסטן גאָרנישט ליב געהאַט, און האָט פֿאַרקערט שטאַרק געהאַלטן פֿון מצוות־אכילה.

דער עיקר איז בײַ אַ מענטשן דאָס מזל. האָסטו מזל, האָסטו אַ זון אַ דינינקעס מיט אַ חסידיש פּנימל, וואָס פּאַסט גוט פֿאַר אַן איידעמל; האָסטו אָבער נישט קיין מזל, איז ער גראָב און שטאַרק און זײַנע כּוחות וואַקסן, ווי קראָפּעווע, כאָטש גיי עק דיך. און אויף דער אמתן: הידים הללו ידי עשׂו למה? צו וואָס האָט גאָט געגעבן עשׂון די שטאַרקע הענט און יעקבֿן דעם קול, דאָס מיינט מען די ווייבקייט פֿון דער תּורה, ווען נישט, אַז ס'זאָל זײַן צווישן זיי אַ חילוק... וואָס זאָל מען טאָן? זאָל מען גיין נעמען מאירן און אים צעזעגן אויף צוווייען? און דאָ האָט מען שוין אים אָנגעהויבן פֿון אַלע זײַטן רעדן שידוכים. אַ ייִנגל פֿון אַ לײַטישער שטוב, וואָס מען מעג זיך ווינטשן אַהין אָנצוקומען, און תּי"ו קערבלעך נדן און הלבשה כּדרך־הנגידים, אָבער דער חסרון... די שדכנים זײַנען אין האַרצן געווען בייז אויף

* יידישע כּתבֿים פֿון אַ ווײַטן קרובֿ, איקוף, ניו־יאָרק, 1948, 149–153. 'סלוזשבאַ' איז אַ רוסיש וואָרט, וואָס מיינט 'דינסט'.

שמעונען, וואָס ער האָט אַזאַ זון, וואָס זעט אויס ווי אַ סאָלדאַט און וואָס מען מוז ערשט יענעם געבן צו פֿאַרשטיין, אַז אין תּוך געזומען איז ער פֿאַרט געראָטן.

און כאָטש די שמעונקע האָט געהאַט אויגן און האָט נישט איין מאָל געגעבן אין האַרצן אַ טיפֿן קרעבץ, אַז זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די רויטע באַקן פֿון מאירלען, וואָס פֿון זיי האָט געשפּריצט דאָס בלוט, האָט זי זיך אָבער אין ענין שידוכים געמאַכט אַ האַרץ. איר פֿאַרשטייט אַליין, אַז זי איז געווען דער ספּאָדעק פֿון שטוב און בײַ שמעונען האָט זי געהאַט די דעה; זי איז, קיין עין־הרע, געווען אַ מאַשין, און שמעון איז געווען דער קליינינקער. זי האָט זיך אַזוי געזאָגט: כאָטש די שדכנים טוען מיר אַ טובֿה, אַז זיי קומען ריידן, וועל איך מיך דווקא נישט איילן. אַי, וואָס, שלאָגט זיך אָן איין שידוך און דערנאָך שלאָגט ער זיך אָפּ, — מאירל האָט אַוודאי זײַן זיווג, און דאָס, וואָס איז אים באַשערט, וועט שוין קומען אין שטוב אַרײַן... און געזוכט האָט זי פּאַוואָלינקע, אָבער געזוכט; און אַז מען זוכט, געפֿינט מען, דאָס איז שוין אַן אַלטער כּלל. און דער קרן איז דווקא גוט און פּאַסט אַקוראַט, ווי אָפּגעמאָסטן, צו מאירן, דאָס הייסט ווערליק דעם געדאַנק, וואָס זײַן מוטער האָט געהאַט...

און דער געדאַנק פֿון דער שמעונקען איז געווען פּראָסט, אָן חכמות, אָבער געזונט. טוט אַ רעבן: אַז איר מאירל איז צו גרויס און צו שטאַרק, מוז די כּלה זײַנע זײַן אַ קליינינקע און אַ שמאָלינקע. וואָס אים, מאירלען, פֿעלט, מוז זי, זײַן באַשערטע, האָבן, און זיי אין איינעם וועלן ערשט זײַן אַ פּאָר, ווי גאָט האָט געבאָטן.

כײַקע, די טאָכטער פֿון סענדערל אָכרימאָווער, וואָס איז פֿאַר מאירן אַ כּלה געוואָרן, איז טאַקע געווען אַזוי, ווי די שמעונקע האָט זיך אויסגעמאָלט אין קאָפּ, אַ גאָלע רוחניות. קליין און מאָגער, קוים וואָס מען זעט זי, פּונקט ווי אַ רבֿס אַ טאָכטער. סענדערל איר פֿאָטער, כאָטש אַליין ניט קיין רבֿ, אָבער אַ מענטש, וואָס פֿאַרשטייט דעם עסק... געלט האָט ער נישט געגעבן אַ פּיאַטאַק, מען האָט אים נאָך געמוזט געבן צו שטײַער אויף דער חתונה און די כּלה האָט מען געמוזט אויסקליידן פֿון אויבן ביז אַראָפּ. אָבער וואָס שאַדט דאָס אַלץ? דער עיקר, אַז די שמעונקע האָט אויסגעפּירט, וואָס זי האָט געוואָלט.

הכּלל, געמאַכט אַ חתונה ווי בײַ יידן און ששון־ושמחה. וואָס מאירל האָט דערצו געזאָגט, ווייס מען נישט. גאָרנישט, אַ יידישער בחור, וואָס זאָגט נישט קיין דעה אין אַזוינע זאַכן... און לעת־עתּה זיצט מען אויף קעסט, ערשט בײַ סענדערלען דעם שווער, צוויי חדשים אויף קאַטאָוועסן; עס חלומט זיך אַפֿילו נישט סענדערן צו גיין האָדעווען אַזאַ בוהאַי; דערנאָך איז מען אַריבערגעפֿאָרן קיין פּוקיטילאָווע צו זײַן טאַטע־מאַמען און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַמעס קעסט מיט גריוון און וואַרנעטשקעס און אַלע גוטע זאַכן, און כײַקען האָט מען אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און זי האָט טאַקע געהאַנגען אָן מאירלען, און מען האָט אָן איר נישט אָנגעהויבן צו זען, אַז זי זאָל פֿאַרשטיין דעם חסרון...

אַזוי זײַנען געווען אַוועקגעגאַנגען קנאַפּע דרײַ יאָר. מאירל איז כּלומרשט געזעסן אין קלויז און האָט געלערנט. געטאָן האָט ער גאָרנישט, ווי דער שטייגער

איז פֿון אַ טאַטנס אַ קינד. כּײַקע אין דער היים האָט אַפֿילו יאָ געהאַט עסקים. אַ קינד צום יאָר און דערנאָך מפּיל געווען און טראָגט שוין ווידער. און טאָמער וואָלטן זיי אַזוי אָפּגעלעבט זייערע יאָרן, כּײַקע וואָלט אויסגעטראָגן און וואָלט ווײַטער געהאַט קינדער, — פּוקיטילאָווע האָט געזען אַ סך אַזוינע דורות, — מוז דער רוח אָנטראָגן דעם פּריזיוו פֿון פֿאָניען מיט דעם ציִען פֿון נומערן, און מאירל מוז אַרויסציִען אַ קליינעם נומער, און צען מאָל ׳גאָדיען׳!

וואָס זאָל איך מאריך זײַן? עס האָט נישט געהאָלפֿן נישט קיין קלאָגן און נישט קיין יאָמערן און אַפֿילו נישט קיין שמירן אויף אַלע זײַטן, מאירל איז אַ סאָלדאַט, כאָטש שרײַ חי־וקיים. מאירל האָט שוין אָפּגעשוואָרן און האָט זיך געמוזט גרייט מאַכן צום וועג. וואָס די שמעונקע און כּײַקע האָבן אָנגעגעבן, קאָנט איר אײַך אויסמאָלן. מסתּמא האָט מען אים מיטגעגעבן אויפֿן וועג פּוטערבולקעס און טיי און נאָך גוטע זאַכן. אַז זיי האָבן דערזען מאירלען אין גרויסע שטיוול, האָבן זיי ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. ס׳איז געקומען די מינוט פֿון געזעגענען זיך, די ווײַבער זײַנען געפֿאַלן אין חלשות. די פֿערד האָבן געטאָן אַ צי, און מאירל פֿאָרט.

*

דער פּאָלק, וואָס מאירל האָט אין אים געדינט, איז אָנגעקומען אַזש קיין סאַראַטאָוו, צוויי הונדערט מײַל פֿון פּוקיטילאָווע. אַ בריוול פֿון דאָרטן דויערט צוויי וואָכן, שרײַבן שרײַבט מאירל, מען זאָל אים שרײַבן: גאָספּאָדין מאיר פּאָלעוואָי... זי שיקט אים אַלע מאָל אַ דרײַערל צי אַ פֿינפֿערל, — כּײַקע האָט געהאַט דאָס קינד און איז געבליבן לעת־עתּה בײַ דער שוויגער. אַזוי האָט די שמעונקע געוואָלט, זיי זאָלן כאָטש בלײַבן אין איינעם. אַז מאירל דינט, איז אַוודאי אַ ווייטאָג, גאָט זאָל כאָטש רחמנות האָבן, ער זאָל קריגן כּשר צו עסן.

און מאירל עסט אין פּאָלק טריפֿה קאָשע, און דווקא אומגעוואַשן, און האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן אַוו ער האָט געלאָזן זײַן טלית־ותּפֿילין... אין פּוקיטילאָווע וואָלט ער אַוודאי געווען אָפּגעהיט ייִדישקייט, אָבער אין קאַזאַרמע, אָנגעטאָן אין מונדיר, ווו מען מוז האָבן אין זינען דעם ביקס און די קנעפּ און ווו מען האָט אויף זיך אַן אַנדער עול, קאָן מען נישט געדענקען אָן אַזוינע זאַכן... און ווער שמועסט, אַז מען הייסט גאָר פּאָלעוואָי, נישט מאירל, און רעדן רעדט מען צו אים נישט מאַמע־לשון, נאָר רוסיש. עס גייט אַוועק אַ יאָר, און פּאָלעוואָי, אַז ער גיט אַ קלער, קאָן ער אַליין לאַכן פֿון מאירן...

און כּײַקען אין דער היים איז אויסגעגאַנגען די נשמה נאָך איר מאירלען. זי וואָלט אים געוואָלט אויספֿרעגן פֿון זײַן געזונט און צי ער בענקט נישט נאָך די קינדער, דאָס ייִנגערע קען ער נאָך גאָרנישט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט שרײַבן! און אַ שכן פֿלעגט איר אַלץ שרײַבן די בריוועלעך צו אים און האָט באַוויזן זײַנע קונצן מיטן ציק און מיטן דריי. און מאירל האָט אויך נישט געקאָנט אַ סך שרײַבן, און אין זײַנע קאַרטלעך זײַנען תּמיד געווען אַרײַנגעמישט גוייִשע ווערטער. און ווי ס׳איז געקומען צו אַזאַ וואָרט, האָט כּײַקען אַלע מאָל געגעבן אַ שטאָך אין

האַרצן... זי האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז ווען זי וועט אים איצט זען, וועט זי אים חלילה נישט דערקענען... עפּעס גייט ער אין די לאַגערס און האָט שוין געזען דעם קיסר. ראובֿעלע, דאָס עלטערע ייִנגל, האָט שוין אָנגעהויבן לערנען חומש און זי האָט אים דאָס יענעם חודש געשריבן: ער זאָל זיך דאָס אָנהויבן פֿרייען און דערמאָנען אין בריוול מיט אַ וואָרט.

*

ס'איז געווען אַ זומערטאָג, פֿרײַטיק. פֿון די קוימענס אין פּוקיטילאָווע גייט אַ רויך; מען קאָכט די פֿיש און מען שטעלט דעם טשאָלנט. ייִנגלעך זײַנען שוין פֿרײַ פֿון חדר און לויפֿן אַרום אין די גאַסן. אין דער גאַנצער שטאָט ווייס מען שוין, אַז מאיר שמעונס קומט אויף שבת קיין פּוקיטילאָווע, אויסגעדינט. ווי גיך עס זײַנען אַוועקגעפֿלויגן די יאָרן! וואָס עס טוט זיך בײַ שמעונען אין שטוב, קאָנט איר פֿאַרשטיין.

פּלוצלינג שפּרינגען אַרײַן צו שמעונען אין שטוב אפֿשר צען קינדער, וואָס זײַנען געשטאַנען פֿאַרן טויער, כּדי אויסצוכאַפּן די בשורה, און שרײַען: ער פֿאָרט! ער פֿאָרט! ער פֿאָרט! פֿערד לויפֿן מיט אַ וואָגן און עס גייט אַ פּאָרעך פֿון אונטער די פֿיס. בײַ שמעונען זײַנען אַלע אַרויס פֿון שטוב. די מאַמע פֿאַלט אויפֿן האַלדז. כּײַקע שטייט נישט טויט, נישט לעבעדיק. שכנים און קינדער שטופּן זיך. לאָזט מיך, גיט ער אַ רוף, פּוסטיטיע! און ווי מען קומט אַרײַן אין שטוב אַרײַן, מען רוט זיך אַ ביסל אָפּ און מען גיט אַ קוק אויף דער אייגענער ווײַב, וואָס שטייט אַזוי שעמעוודיק אויף אַ זײַט און קאָן נישט אויסרעדן אַ וואָרט, ווערט אים קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן...

פֿון דעם שבת וויל איך נישט דערציילן. דרײַ הונדערט העגט גיבן מאירן שלום־עליכם אין קלויז. אין דער פֿרי דער מפֿטיר און דער קידוש מיטן עולם. די שטאָט שיקט אײַנגעמאַכטס מיט ווײַן. די מוטער קוקט אַלע מאָל אויף איר זון און דערנאָך אויף דער שנור. ער איז גאָרנישט צו דערקענען. נאָך פֿינף מאָל אַזוי גרויס, ווי אַ הײַדאַמאַק! און כּײַקען איז גאָרנישט יום־טובֿדיק אויפֿן האַרצן... עפּעס זײַנע אויגן, אַז זיי קוקן אויף איר, זײַנען ווי גלאָז... נישט איין וואָרט האָט ער צו איר געזאָגט, די קינדער האָבן מורא צו אים צוצוגיין.

דאָס האַרץ האָט נעבעך כּײַקען ריכטיק געזאָגט. מאירל, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט, האָט נישט מער געוואָלט זיצן מיטן ווײַב, און האָט זיך אײַנגעעקשנט, אַז זי פּאַסט ניט צו אים... זי איז צו מאָגער. און כאָטש די מאַמע האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט און עס האָט איר געריסן דאָס האַרץ, האָט דאָס נישט געהאָלפֿן. דער סוף איז געווען, עס איז געקומען צו אַ גט.

# מן השירות בצבא

## מעשה שהיה

מאיר'ל שמעונ'ס — זה היה שמו בפי כול. למען האמת יכול היה להיקרא מאיר סתם, ולא בלשון חיבה ופינוק. ואפשר שהדבר היה הולם יותר את מראהו. מאיר'ל לחלוטין לא היה אברך מדולדל, שגופו כחוש ושחוח, כדמותו המקובלת של נער יהודי. להיפך, הוא היה בעל גוף חזק, ולו כתפיים וידיים ורגליים שהלמו טוחן בטחנת קמח יותר מתלמיד חכם. מילא, בנו של בור ועם הארץ אפשר שיהיה כזה, אך לנער בן־טובים — מראה שכזה מניין? ליבם של הוריו דאב למדי בשל כך: כיצד אומרים הבריות? כעין עונש מן השמים נגזר עליהם שיהיה בנם בריא כמו שני גויים ביחד. כיצד הגיעו לכך? עדיין מזל הוא, שמאיר'ל הצליח מעט בלימודיו, ובמזגו, לפחות, היה טוב והגון... אימו התכוונה אפילו לגמול אותו מאכילה יתירה... אלא שלדבר זה לא היתה כל השפעה על מאיר. גוף שכזה לא ניתן לשים הצידה כמו זוג מגפיים. כדי להכעיס ממש לא אהב מאיר'ל לצום מימיו, ולהיפך, מקיים היה מצוות אכילה בלב ונפש. — לגבי אדם העיקר הקובע הוא המזל. אם בר מזל אתה, הרי בנך דקיק הוא, והחסידות עצמה נשקפת מפניו העדינים. כיאות לשידוך; ואילו חסר מזל הנך, הרי הוא עבה וגברתן, וכוחותיו צומחים כסירפד, ולֵךְ עשה משהו. ולמען האמת: הידיים הללו ידי עשו למה? לשם מה נתן אלוהים לעשו ידיים חזקות, ואילו ליעקב את הקול? ודאי שהכוונה היא לגמישותה של תורתנו, למען יהיה הבדל ביניהם...

מה ניתן לעשות? כלום יש לקחת את מאיר ולנסר את גופו לשניים? והרי כבר הוחל לדבר בו נכבדות מכל צד. נער בן־טובים, מבית שניתן להתברך בו, ומובטחת לו נדוניה של ת"ו רובלים והלבשה כדרך הנגידים, אלא שיש חסרון בצידו... השדכנים רגזו על שמעון, שיש לו בן כזה שמראהו כאיש צבא, עד כי יש צורך לתרץ תחילה ולהסביר ללקוח שבפנימיותו מוצלח הוא דווקא.

ואף שלאימו, השמעונית, היו עיניים בראשה, ולא אחת נאנחה מעומק ליבה באשר העיפה מבט בלחייו הסמוקות של מאיר'ל, שהדם שפע מהן, הנה בעניין שידוכים אימצה את ליבה. ודאי תבינו מאליכם שבבית היתה היא המושלת בכיפה, ולגבי שמעון היתה דעתה הקובעת; היא, בלא עין הרע, היתה קטר, ואילו שמעון — קטן שבקטנים. וכך אמרה בליבה: אף שהשדכנים עושים עמי חסד שהם באים לדבר בבני נכבדות, לא אמהר. אמנם, כל שידוך שתחילה מזדמן הוא מוחמץ אחר כך. — אך ודאי שזיווגו של מאיר'ל מובטח לו מן השמים, וזו המיועדת לו

בוודאי תתקבל סוף סוף בביתם... היא חיפשה לאט לאט, אך הוסיפה לחפש, והן כלל ישן הוא: יגעת ומצאת — תאמין. והמציאה היא דווקא טובה והולמת את מאיר בדיוק רב, כאילו נמדדה ממש, כלומר על־פי המחשבה תחילה שהיתה לאימו...

ומחשבתה של השמעונית היתה פשוטה לגמרי, ללא חוכמות, אך בריאה. צא וחשוב: מכיוון שמאיר'ל שלה הוא גדול מדי וחזק מדי, חייבת הכלה להיות קטנטונת וצנומה. מה שחסר לו, מן הראוי שיהיה לה, למיועדת, וכך יהיו שניהם יחד זוג מן השמים ממש.

חייקה, בִּתּו של סנדר'ל איש אוחרימוב, שנשתדכה למאיר, היתה אמנם בדיוק כפי שהשמעונית חזתה בדמיונה, רוחניות שברוחניות. קטנה ורזה, בקושי ניתן להבחין בה, ממש כבתו של רב. סנדר'ל אביה, אף שלא היה רב, היה אדם המבין עניין. כסף לא נתן מאומה, ועוד צריך היה להעניק לו תרומה לחתונה. וגם מלבושים לכלה צריך היה לספק מקודקודה עד כף רגלה. אך מה איכפת? העיקר שהשמעונית השיגה מה שרצתה.

הכלל, החתונה נערכה כראוי אצל יהודים, וששון ושמחה. מה היתה דעתו של מאיר'ל על כך, איש לא ידע. לא כלום, לבחור יהודי אין דעה בעניינים שכאלה... לעת עתה הוא סמוך על שולחנו של סנדר'ל חמיו, תחילה, אך כאן, מעשה שְׂחוֹק, לחודשיים בלבד; סנדר'ל אינו מתכוון אפילו בחלומו לטפח אצלו פר בן־בקר שכזה; אחר כך עקרו אל פוקיטילובה אל אבא־אמא שלו, ושם התחילה אמא לפרנס אותם ולהאכיל אותם שוויסקים ומעשי מרקחת, וכל מיני דברי מתיקה, והכול נצרו את חייקה כּבָבת עינם. ואמנם נתלתה היא בצווארו של מאיר'ל, ובפניה לא ניכר כלל שהיא תופסת היכן החסרון...

כך חלפו ועברו שלוש שנים כמעט. מאיר'ל ישב כביכול בבית המדרש ולמד. הוא לא עשה מאומה, כדרך בן הנסמך על אביו. לחייקה דווקא היה במה לעסוק בבית. מקץ שנה ילדה ילד, אחר כך הפילה את ולדה, וכבר היא הרה שוב. ייתכן שכך היו מוסיפים לחיות את כל שנותיהם, וחייקה היתה מוסיפה ללדת — העיירה פוקיטילובה כבר ראתה דורות רבים מעין זה — אילולא קפץ עליהם רוגזו של השירות בצבא הרוסי, ובשליפת הכרטיסים מן הקלפי נפל הגורל דווקא על מאיר'ל להתייצב לשירות.

וכי למה אאריך בדברי? לא הועילו בכיות ויללות, ואפילו לא הצעות שוחד לכל הנוגעים בדבר, מאיר'ל נעשה חייל, ולך צעק חי וקיים. מאיר'ל כבר הושבע, וחייב היה לצאת לדרך. יכולים אתם לשער מה השמעונית וחייקה הכינו למענו. מסתמא נתנו לו לדרך לחמניות בחמאה ותה וכל טוב. כשראו את מאיר'ל בסגינו ובבורנסו, נעול מגפיים גדולים, שבו ופרצו בבכי. הגיע רגע הפרידה. הנשים התעלפו, הסוסים משכו בעגלה, ומאיר'ל נָסַע.

*

הגדוד שמאיר'ל שירת בו הגיע עד לסאראטוב, מאתיים מילין מפוקיטילובה.

מכתב משם מגיע לאחר שבועיים ימים. מאיר׳ל כותב שהכתובת שלו היא: אדון מאיר פוֹלבּוֹי... היא שולחת לו כל פעם שטר של שלושה או חמישה רובלים. — חייקה ילדה עוד ילד ונשארה לעת עתה אצל חותנתה. כך ביקשה השמעונית, למען תישארנה יחד לכל הפחות. ודאי צער גדול הוא שמאיר׳ל משרת בצבא, לו רק ירחם אלוהים ויקבל שם אוכל כשר.

ומאיר׳ל אוכל בגדוד דייסה טריפה, ודווקא בלא נטילת ידיים, והוא כבר שכח היכן השאיר את הטלית־ותפילין שלו... אילו נשאר בפוקיטילובה ודאי היה מוסיף לקיים את כל המצוות. אולם בקסרקטין, כשהוא לבוש מדים, במקום שיש תמיד לתת את הדעת לרובה ולכפתורים המצוחצחים, ועול אחר לגמרי רובץ על הצוואר, אי אפשר לזכור דברים שכאלה... שלא לדבר על כך, ששמו אינו מאיר׳ל כלל, אלא פולבוי, ומדבר הוא לא את שפת האם, אלא רוסית. חולפת שנה, וכאשר פולבוי מהרהר בכך, הרי הוא עצמו צוחק ממאיר...

וחייקה בבית, כלתה נפשה אל מאיר׳ל. רוצה היתה לשאול אותו על בריאותו, ואם מתגעגע הוא אל הילדים, שהצעיר ביניהם אף לא הספיק להכירו. אלא שהיא לא ידעה לכתוב! אחד השכנים היה כותב את מכתביה אליו והראה את להטוטיו בכתיבת אות צדי והספרה שלוש. גם מאיר׳ל לא ידע לכתוב הרבה, ובתוך גלויותיו עירבב תמיד מילים של גויים. וכשהיתה חייקה מגיעה למילה שכזו, חשה תמיד דקירה בליבה... היא התחילה לחשוש שאילו ראתה אותו עכשיו אפשר, חלילה, שלא היתה מכירה אותו... הריהו עובר ממחנה למחנה, וכבר ראה את הצאר. ראובל׳ה, הבן הבכור, כבר התחיל ללמוד חומש, ובאותו חודש כתבה לו על כך; הלוואי שהיה מביע שמחתו ומזכיר את הדבר במילה כלשהי במכתבו.

*

היום זה יום קיץ, יום שישי בשבוע. מארובותיה של פוקיטילובה עולה עשן; הדגים מתבשלים והחמין מוכנס לתנור. הנערים כבר חופשים מן החדר ומתרוצצים ברחובות. בכל העיר כבר ידוע כי מאיר שמעונ׳ס עומד להגיע משסיים את תקופת שירותו בצבא. איך מיהרו השנים לחלוף! מה נעשה בביתו של שמעון, זאת יכולים אתם להבין מאליכם.

פתאום מזנקים לתוך ביתו של שמעון אולי עשרה ילדים, שעמדו לפני השער כדי להיות המבשרים הראשונים: הוא בא! הוא בא! סוסים רתומים לעגלה מגיעים בריצה ואבק מיתמר מתחת לרגליהם. כל בני הבית יצאו החוצה. האם נופלת על צווארו. חייקה ניצבת שם כאחוזה בין חיים למוות. שכנים וילדים נדחקים. ״תנו לי״, קורא הוא, ״פנו דרך!״ וכשהוא נכנס פנימה, נח מעט ומעיף עין אל זוגתו שלו, העומדת מבוישת כל כך בצד ואינה מוציאה הגה, נופלת עליו מרה שחורה... על אותו יום שבת אינני צריך לספר לכם. שלוש־מאות ידיים לחצו את ידו של מאיר בבית המדרש בברכת שלום־עליכם. בבוקר עלייה למפטיר וקידוש עם כל הקהל. העיר שולחת יין ומעשה מרקחת. הָאֵם מסתכלת בלי הרף על בנה ואחר כך על כלתה. כלל אין להכיר אותו. הוא גדל עוד פי חמישה משהיה, ממש כהַיידָמַק!

וחייקה, לא חשה כל חג בלבה... עיניו כשהן מסתכלות בה, נראות משום־מה כעיני זכוכית... מילה אחת לא אמר לה, והילדים פוחדים לגשת אליו.

ליבה של חייקה לא טעה, למרבה הצער. מאיר'ל, החייל המשוחרר, לא רצה עוד לחיות עם אשתו, והתעקש כי אינה מתאימה לו... היא רזה מדי. ואף שהאם עשתה כל אשר לאל ידה וליבה נקרע ממש, כלום לא הועיל. הסוף היה, שהדברים הגיעו לידי גט.

תירגם מיידיש יצחק כפכפי